װעסט דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זײַן האַנט, לױטן פריערדיקן שטײגער, װען דו ביסט געװען זײַן טראַנקמײסטער. 14 אָבער זאָלסט מיך געדענקען בײַ זיך, אַז דיר װעט גוט זײַן, און זאָלסט טאָן, איך בעט דיך, אַ חסד מיט מיר, און מיך דערמאָנען פאַר פּרעהן, און מיך אַרױסציִען פון דעמדאָזיקן הױז. 15 װאָרום געגנבעט בין איך געגנבעט געװאָרן פון לאַנד פון די עִברים; און דאָ אױך האָב איך קײן זאַך ניט געטאָן, װאָס מע האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה.

16 האָט דער אױבערבעקער געזען אַז ער האָט צום גוטן פּותר געװען, און ער האָט געזאָגט צו יוספֿן: מיר אױך האָט זיך געחלומט, ערשט דרײַ געפלאָכטענע קערב זײַנען אױף מײַן קאָפּ; 17 און אין דעם אױבערשטן קאָרב איז פון אַלערלײ עסנװאַרג פאַר פּרעהן, געבעקזאַכן, און די פֿױגלען עסן זײ פון דעם קאָרב איבער מײַן קאָפּ.

18 האָט יוסף געענטפערט און האָט געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפון: די דרײַ קערב דאָס זײַנען דרײַ טעג. 19 אין דרײַ טעג אַרום װעט פּרעה אַראָפּנעמען דײַן קאָפּ פון דיר, און װעט דיך אױפהענגען אױף אַ בױם, און די פֿױגלען װעלן עסן דײַן פלײש פון דיר.

20 און עס איז געװען אױפן דריטן טאָג, אין פּרעהס געבורטסטאָג, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצײַט פאַר אַלע זײַנע קנעכט, און האָט אױפגענומען דעם קאָפּ פון דעם אױבערטראַנקמײסטער, און דעם קאָפּ פון דעם אױבערבעקער, צװישן זײַנע קנעכט. 21 און ער האָט אומגעקערט דעם אױבערטראַנקמײסטער צו זײַן טראַנקמײסטערשאַפט; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעהס האַנט. 22 און דעם אױבערבעקער האָט ער אױפגעהאַנגען, אַזױ װי יוסף האָט זײ פּותר געװען. 23 אָבער דער אױבערטראַנקמײסטער האָט ניט געדאַכט אָן יוספֿן, און האָט אים פאַרגעסן.

עַל־כַּנֶּךָ וְנָתַתָּ כוֹס־פַּרְעֹה בְּיָדוֹ כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר
יד הָיִיתָ מַשְׁקֵהוּ׃ כִּי אִם־זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ כַּאֲשֶׁר יִיטַב לָךְ
וְעָשִׂיתָ־נָּא עִמָּדִי חָסֶד וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵאתַנִי
טו מִן־הַבַּיִת הַזֶּה׃ כִּי־גֻנֹּב גֻּנַּבְתִּי מֵאֶרֶץ הָעִבְרִים וְגַם־פֹּה
טז לֹא־עָשִׂיתִי מְאוּמָה כִּי־שָׂמוּ אֹתִי בַּבּוֹר׃ וַיַּרְא שַׂר־הָאֹפִים
כִּי טוֹב פָּתָר וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹסֵף אַף־אֲנִי בַּחֲלוֹמִי וְהִנֵּה
יז שְׁלֹשָׁה סַלֵּי חֹרִי עַל־רֹאשִׁי׃ וּבַסַּל הָעֶלְיוֹן מִכֹּל מַאֲכַל
פַּרְעֹה מַעֲשֵׂה אֹפֶה וְהָעוֹף אֹכֵל אֹתָם מִן־הַסַּל מֵעַל
יח רֹאשִׁי׃ וַיַּעַן יוֹסֵף וַיֹּאמֶר זֶה פִּתְרֹנוֹ שְׁלֹשֶׁת הַסַּלִּים
יט שְׁלֹשֶׁת יָמִים הֵם׃ בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת־
רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ וְתָלָה אוֹתְךָ עַל־עֵץ וְאָכַל הָעוֹף אֶת־
מפ׳ בְּשָׂרְךָ מֵעָלֶיךָ׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת־
פַּרְעֹה וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל־עֲבָדָיו וַיִּשָּׂא אֶת־רֹאשׁ ׀ שַׂר
כא הַמַּשְׁקִים וְאֶת־רֹאשׁ שַׂר הָאֹפִים בְּתוֹךְ עֲבָדָיו׃ וַיָּשֶׁב
אֶת־שַׂר הַמַּשְׁקִים עַל־מַשְׁקֵהוּ וַיִּתֵּן הַכּוֹס עַל־כַּף פַּרְעֹה׃
כב כג וְאֵת שַׂר הָאֹפִים תָּלָה כַּאֲשֶׁר פָּתַר לָהֶם יוֹסֵף׃ וְלֹא־זָכַר
שַׂר־הַמַּשְׁקִים אֶת־יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ׃ פ

# מִקֵּץ

מא 1 און עס איז געװען צום סוף פון צװײ יאָר צײַט, האָט זיך פּרעהן געחלומט, ערשט ער שטײט בײַם טײַך. 2 און אָט גײען אַרױף פון טײַך זיבן קי, שײן אױפן אױסזען און פעט אױפן לײַב; און זײ האָבן זיך געפיטערט אין דעם טײַכגראָז. 3 און אָט גײען אַרױף נאָך זײ פון טײַך זיבן אַנדערע קי, מיאוס אױפן אױסזען, און מאָגער אױפן לײַב; און זײ האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי בײַם ברעג טײַך. 4 און די מיאוסע אױפן אױסזען און מאָגערלײַביקע קי האָבן אױפגעגעסן די זיבן שײנע אױפן אױסזען און פעטע קי. און פּרעה האָט זיך אױפגעכאַפּט.

5 און ער איז אײַנגעשלאָפן, און אים האָט זיך געחלומט אַ צװײט מאָל, ערשט זיבן זאַנגען גײען־אױף אױף אײן שטענגל

מא
א וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־
ב הַיְאֹר׃ וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה
ג וּבְרִיאֹת בָּשָׂר וַתִּרְעֶינָה בָּאָחוּ׃ וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת
עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן מִן־הַיְאֹר רָעוֹת מַרְאֶה וְדַקּוֹת בָּשָׂר
ד וַתַּעֲמֹדְנָה אֵצֶל הַפָּרוֹת עַל־שְׂפַת הַיְאֹר׃ וַתֹּאכַלְנָה הַפָּרוֹת
רָעוֹת הַמַּרְאֶה וְדַקֹּת הַבָּשָׂר אֵת שֶׁבַע הַפָּרוֹת יְפֹת
ה הַמַּרְאֶה וְהַבְּרִיאֹת וַיִּיקַץ פַּרְעֹה׃ וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית
וְהִנֵּה ׀ שֶׁבַע שִׁבֳּלִים עֹלוֹת בְּקָנֶה אֶחָד בְּרִיאוֹת וְטֹבוֹת׃

מ,טו׳ מלרע   מא,ה׳ קמץ בז״ק

והנה שבע שבלים דקות ושדופת קדים צמחות אחריהן: ו
ותבלענה השבלים הדקות את שבע השבלים הבריאות ז
והמלאות וייקץ פרעה והנה חלום: ויהי בבקר ותפעם ח
רוחו וישלח ויקרא את־כל־חרטמי מצרים ואת־כל־
חכמיה ויספר פרעה להם את־חלמו ואין־פותר אותם
לפרעה: וידבר שר המשקים את־פרעה לאמר את־ ט
חטאי אני מזכיר היום: פרעה קצף על־עבדיו ויתן אתי י
במשמר בית שר הטבחים אתי ואת שר האפים:
ונחלמה חלום בלילה אחד אני והוא איש כפתרון יא
חלמו חלמנו: ושם אתנו נער עברי עבד לשר הטבחים יב
ונספר־לו ויפתר־לנו את־חלמתינו איש כחלמו פתר:
ויהי כאשר פתר־לנו כן היה אתי השיב על־כני ואתו יג
תלה: וישלח פרעה ויקרא את־יוסף ויריצהו מן־הבור יד
ויגלח ויחלף שמלתיו ויבא אל־פרעה: ויאמר פרעה שני
אל־יוסף חלום חלמתי ופתר אין אתו ואני שמעתי
עליך לאמר תשמע חלום לפתר אתו: ויען יוסף את־ טז
פרעה לאמר בלעדי אלהים יענה את־שלום פרעה:
וידבר פרעה אל־יוסף בחלמי הנני עמד על־שפת היאר: יז
והנה מן־היאר עלת שבע פרות בריאות בשר ויפת יח
תאר ותרעינה באחו: והנה שבע־פרות אחרות עלות יט
אחריהן דלות ורעות תאר מאד ורקות בשר לא־ראיתי
כהנה בכל־ארץ מצרים לרע: ותאכלנה הפרות הרקות כ
והרעות את שבע הפרות הראשנות הבריאת: ותבאנה כא
אל־קרבנה ולא נודע כי־באו אל־קרבנה ומראיהן רע
כאשר בתחלה ואיקץ: וארא בחלמי והנה שבע שבלים כב
עלת בקנה אחד מלאת וטבות: והנה שבע שבלים כג
צנמות דקות שדפות קדים צמחות אחריהם: ותבלען כד
השבלים הדקת את שבע השבלים הטבות ואמר אל־

געזונטע און גוטע. [6] און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען דינע און פֿאַרברענטע פֿון מזרח־ווינט. [7] און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן געזונטע און פֿולע זאַנגען. און פּרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ערשט עס איז אַ חלום.

[8] און עס איז געווען אין דער פֿרי, איז זײַן געמיט געווען צערודערט, און ער האָט געשיקט און גערופֿן אַלע חרטומים פֿון מִצרַיִם, און אַלע אירע חכמים; און פּרעה האָט זיי דערציילט זײַנע חלומות, אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט פּותר זײַן פֿאַר פּרעהן.

[9] האָט דער אויבערטראַנקמייסטער גערעדט צו פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: מײַנע זינד מוז איך הײַנט דערמאָנען. [10] פּרעה האָט געצערנט אויף זײַנע קנעכט, און האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך פֿון דעם אויבערלײַבוועכטערס הויז, מיך און דעם אויבערבעקער. [11] האָט זיך אונדז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר און אים; איטלעכן לויט דעם פּיתרון פֿון זײַן חלום האָט זיך אונדז געחלומט. [12] און דאָרטן איז מיט אונדז געווען אַ עבֿריי־שער יונג, אַ קנעכט פֿון דעם אויבערלײַבוועכטער, האָבן מיר אים דערציילט, און ער האָט אונדז פּותר געווען אונדזערע חלומות; איטלעכן לויט זײַן חלום האָט ער פּותר געווען. [13] און עס איז געווען, אַזוי ווי ער האָט אונדז פּותר געווען, אַזוי איז געשען: מיך האָט מען אומגעקערט אויף מײַן שטאַנד, און אים האָט מען אויפֿגעהאַנגען.

[14] האָט פּרעה געשיקט און גערופֿן יוספֿן, און מע האָט אים אויף גיך אַרויסגענומען פֿון תּפֿיסה. און ער האָט זיך אָפּגעגאָלט, און האָט איבערגעביטן זײַנע קליידער, און איז געקומען צו פּרעהן.

[15] האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ניטאָ ווער זאָל אים פּותר זײַן; און איך האָב געהערט זאָגן אויף דיר, אַז דו פֿאַרשטייסט אַ חלום, אים פּותר צו זײַן.

[16] האָט יוסף געענטפֿערט פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: ניט איך, גאָט וועט באַשיידן דעם פֿריד פֿון פּרעהן.

[17] האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר חלומט זיך, ערשט איך שטיי בײַם ברעג טײַך. [18] און אָט גייען אַרויף פֿון טײַך זיבן קי, פֿעט אויפֿן לײַב און שיין אויפֿן געשטאַלט; און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין גראָז. [19] און אָט גייען אַרויף נאָך זיי זיבן אַנדערע קי, אָרים און זייער מיאוס אויפֿן געשטאַלט און דאַר אויפֿן לײַב, וואָס אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם האָב איך ניט געזען זייער גלײַכן אין מיאוסקייט. [20] און די דאַרע און מיאוסע קי האָבן אויפֿגעגעסן די ערשטע זיבן פֿעטע קי. [21] און זיי זײַנען אַרײַן אין זיי, און עס איז ניט געווען קענטיק אַז זיי זײַנען אין זיי אַרײַן, און זייער אויסזען איז געווען אַזוי מיאוס ווי אין אָנהייב. און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. [22] און איך האָב געזען אין מײַן חלום, ערשט זיבן זאַנגען גייען אַרויף אויף איין שטענגל, פֿולע און גוטע. [23] און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען אײַנגעטריקנטע, דינע, פֿאַרברענטע פֿון מזרח־ווינט. [24] און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען. האָב איך

כה הַחַרְטֻמִּים וְאֵין מַגִּיד לִי׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־פַּרְעֹה חֲלוֹם
פַּרְעֹה אֶחָד הוּא אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עֹשֶׂה הִגִּיד לְפַרְעֹה׃
כו שֶׁבַע פָּרֹת הַטֹּבֹת שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה וְשֶׁבַע הַשִּׁבֳּלִים
כז הַטֹּבֹת שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה חֲלוֹם אֶחָד הוּא׃ וְשֶׁבַע הַפָּרוֹת
הָרַקּוֹת וְהָרָעֹת הָעֹלֹת אַחֲרֵיהֶן שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה וְשֶׁבַע
הַשִּׁבֳּלִים הָרֵקוֹת שְׁדֻפוֹת הַקָּדִים יִהְיוּ שֶׁבַע שְׁנֵי רָעָב׃
כח הוּא הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־פַּרְעֹה אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עֹשֶׂה
כט הֶרְאָה אֶת־פַּרְעֹה׃ הִנֵּה שֶׁבַע שָׁנִים בָּאוֹת שָׂבָע גָּדוֹל
ל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְקָמוּ שֶׁבַע שְׁנֵי רָעָב אַחֲרֵיהֶן וְנִשְׁכַּח
לא כָּל־הַשָּׂבָע בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְכִלָּה הָרָעָב אֶת־הָאָרֶץ׃ וְלֹא־
יִוָּדַע הַשָּׂבָע בָּאָרֶץ מִפְּנֵי הָרָעָב הַהוּא אַחֲרֵי־כֵן כִּי־כָבֵד
לב הוּא מְאֹד׃ וְעַל הִשָּׁנוֹת הַחֲלוֹם אֶל־פַּרְעֹה פַּעֲמָיִם כִּי־
נָכוֹן הַדָּבָר מֵעִם הָאֱלֹהִים וּמְמַהֵר הָאֱלֹהִים לַעֲשֹׂתוֹ׃
לג וְעַתָּה יֵרֶא פַרְעֹה אִישׁ נָבוֹן וְחָכָם וִישִׁיתֵהוּ עַל־אֶרֶץ
לד מִצְרָיִם׃ יַעֲשֶׂה פַרְעֹה וְיַפְקֵד פְּקִדִים עַל־הָאָרֶץ וְחִמֵּשׁ
לה אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם בְּשֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע׃ וְיִקְבְּצוּ אֶת־כָּל־
אֹכֶל הַשָּׁנִים הַטֹּבֹת הַבָּאֹת הָאֵלֶּה וְיִצְבְּרוּ־בָר תַּחַת יַד־
לו פַּרְעֹה אֹכֶל בֶּעָרִים וְשָׁמָרוּ׃ וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ
לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא־תִכָּרֵת
לז הָאָרֶץ בָּרָעָב׃ וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי כָּל־
לח עֲבָדָיו׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־עֲבָדָיו הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר
לט רוּחַ אֱלֹהִים בּוֹ׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ
מ אֱלֹהִים אוֹתְךָ אֶת־כָּל־זֹאת אֵין־נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ׃ אַתָּה
תִּהְיֶה עַל־בֵּיתִי וְעַל־פִּיךָ יִשַּׁק כָּל־עַמִּי רַק הַכִּסֵּא אֶגְדַּל
מא מִמֶּךָּ׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף רְאֵה נָתַתִּי אֹתְךָ עַל כָּל־
מב אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיָּסַר פַּרְעֹה אֶת־טַבַּעְתּוֹ מֵעַל יָדוֹ וַיִּתֵּן
אֹתָהּ עַל־יַד יוֹסֵף וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ בִּגְדֵי־שֵׁשׁ וַיָּשֶׂם רְבִד
מג הַזָּהָב עַל־צַוָּארוֹ׃ וַיַּרְכֵּב אֹתוֹ בְּמִרְכֶּבֶת הַמִּשְׁנֶה אֲשֶׁר־

דערציילט די חַרטומים, אָבער קיינער קען מיר ניט זאָגן.

[25] האָט יוסף געזאָגט צו פַּרעהן: דער חלום פון פַּרעהן איז איינער; וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער אָנגעזאָגט פַּרעהן. [26] די זיבן גוטע קי דאָס זיינען זיבן יאָר, און די זיבן גוטע זאַנגען דאָס זיינען זיבן יאָר; איין חלום איז דאָס. [27] און די זיבן דאַרע און מיאוסע קי, וואָס זיינען אַרויפגעקומען נאָך זיי, דאָס זיינען זיבן יאָר; און די זיבן ליידיקע זאַנגען פאַרברענט פון מזרח־ווינט, דאָס וועלן זיין זיבן הונגעריאָרן. [28] דאָס איז די זאַך וואָס איך האָב געזאָגט פַּרעהן: וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער באַוויזן פַּרעהן. [29] זע, עס קומען זיבן יאָר פון גרויס זעט אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [30] און נאָך זיי וועלן אויפשטיין זיבן הונגעריאָרן, און די גאַנצע זעט וועט זיין פאַרגעסן אין לאַנד מִצרַיִם; און דער הונגער וועט פאַרלענדן דאָס לאַנד. [31] און פון דער זעט וועט ניט זיין צו מערקן אין לאַנד, פון וועגן יענעם הונגער וואָס נאָכדעם; וואָרום ער וועט זיין זייער שווער. [32] און וואָס דער חלום האָט זיך איבערגעחזרט אַ צווייט מאָל: ווייל די זאַך איז פעסט פון גאָט, און גאָט איילט דאָס צו טאָן. [33] און אַצונד, זאָל פַּרעה זען אַ פאַרשטאַנדיקן און אַ קלוגן מאַן, און אים שטעלן איבערן לאַנד מִצרַיִם. [34] זאָל פַּרעה דאָס טאָן, און זאָל ער אויפזעצן אויפזעער איבערן לאַנד, און באַוואָרענען דאָס לאַנד מִצרַיִם אין די זיבן זאַטע יאָרן. [35] און זאָל מען אויפזאַמלען די גאַנצע שפּייז פון די דאָזיקע גוטע יאָרן וואָס קומען, און זאָל מען אָנקלייבן תבואה אונטער דער האַנט פון פַּרעהן, פאַר שפּייז אין די שטעט, און היטן. [36] און די שפּייז וועט זיין אַוועקגעלייגט פאַרן לאַנד, אויף די זיבן הונגעריאָרן וואָס וועלן זיין אין לאַנד מִצרַיִם, און דאָס לאַנד וועט ניט פאַרשניטן ווערן פון הונגער.

[37] און די זאַך איז ווױלגעפעלן אין די אויגן פון פַּרעהן, און אין די אויגן פון אַלע זיינע קנעכט. [38] און פַּרעה האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: קענען מיר דען געפינען אַזאַ ווי דער דאָזיקער, אַ מאַן וואָס דער גייסט פון גאָט איז אין אים? [39] און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: נאָכדעם ווי גאָט האָט דיך געלאָזט וויסן דאָס אַלץ, איז ניטאָ אַ פאַרשטאַנדיקער און אַ קלוגער אַזוי ווי דו. [40] דו וועסט זיין איבער מיין הויז, און לויט דיין מויל זאָל געווירטשאַפט ווערן מיין גאַנץ פאָלק; נאָר מיטן טראָן וועל איך זיין גרעסער פון דיר. [41] און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: זע, איך האָב דיך אויפגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [42] און פַּרעה האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון זיין האַנט, און האָט אים אָנגעטאָן אויף דער האַנט פון יוספן, און ער האָט אים אָנגעקליידט אין ליינענע בגדים, און אים אָנגעטאָן אַ גילדערנע קייט אויפן האַלדז. [43] און ער האָט אים געמאַכט פאָרן אין זיין צווייטן רייטוואָגן;

לוֹ וַיִּקְרְאוּ לְפָנָיו אַבְרֵךְ וְנָתוֹן אֹתוֹ עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃
מד וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אֲנִי פַרְעֹה וּבִלְעָדֶיךָ לֹא־יָרִים
מה אִישׁ אֶת־יָדוֹ וְאֶת־רַגְלוֹ בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה
שֵׁם־יוֹסֵף צָפְנַת פַּעְנֵחַ וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־אָסְנַת בַּת־פּוֹטִי פֶרַע
מו כֹּהֵן אֹן לְאִשָּׁה וַיֵּצֵא יוֹסֵף עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְיוֹסֵף בֶּן־
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה בְּעָמְדוֹ לִפְנֵי פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרָיִם וַיֵּצֵא
מז יוֹסֵף מִלִּפְנֵי פַרְעֹה וַיַּעֲבֹר בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתַּעַשׂ
מח הָאָרֶץ בְּשֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע לִקְמָצִים׃ וַיִּקְבֹּץ אֶת־כָּל־אֹכֶל ׀
שֶׁבַע שָׁנִים אֲשֶׁר הָיוּ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּתֶּן־אֹכֶל בֶּעָרִים
מט אֹכֶל שְׂדֵה־הָעִיר אֲשֶׁר סְבִיבֹתֶיהָ נָתַן בְּתוֹכָהּ׃ וַיִּצְבֹּר
יוֹסֵף בָּר כְּחוֹל הַיָּם הַרְבֵּה מְאֹד עַד כִּי־חָדַל לִסְפֹּר כִּי־
נ אֵין מִסְפָּר׃ וּלְיוֹסֵף יֻלַּד שְׁנֵי בָנִים בְּטֶרֶם תָּבוֹא שְׁנַת
הָרָעָב אֲשֶׁר יָלְדָה־לּוֹ אָסְנַת בַּת־פּוֹטִי פֶרַע כֹּהֵן אוֹן׃
נא וַיִּקְרָא יוֹסֵף אֶת־שֵׁם הַבְּכוֹר מְנַשֶּׁה כִּי־נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת־
נב כָּל־עֲמָלִי וְאֵת כָּל־בֵּית אָבִי׃ וְאֵת שֵׁם הַשֵּׁנִי קָרָא אֶפְרָיִם
נג כִּי־הִפְרַנִי אֱלֹהִים בְּאֶרֶץ עָנְיִי׃ וַתִּכְלֶינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע
נד אֲשֶׁר הָיָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתְּחִלֶּינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב
לָבוֹא כַּאֲשֶׁר אָמַר יוֹסֵף וַיְהִי רָעָב בְּכָל־הָאֲרָצוֹת וּבְכָל־
נה אֶרֶץ מִצְרַיִם הָיָה לָחֶם׃ וַתִּרְעַב כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּצְעַק
הָעָם אֶל־פַּרְעֹה לַלָּחֶם וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל־מִצְרַיִם לְכוּ
נו אֶל־יוֹסֵף אֲשֶׁר־יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ׃ וְהָרָעָב הָיָה עַל כָּל־
פְּנֵי הָאָרֶץ וַיִּפְתַּח יוֹסֵף אֶת־כָּל־אֲשֶׁר בָּהֶם וַיִּשְׁבֹּר לְמִצְרַיִם
נז וַיֶּחֱזַק הָרָעָב בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְכָל־הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה
לִשְׁבֹּר אֶל־יוֹסֵף כִּי־חָזַק הָרָעָב בְּכָל־הָאָרֶץ׃

מב

א וַיַּרְא יַעֲקֹב כִּי יֶשׁ־שֶׁבֶר בְּמִצְרָיִם וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לְבָנָיו
ב לָמָּה תִּתְרָאוּ׃ וַיֹּאמֶר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי כִּי יֶשׁ־שֶׁבֶר בְּמִצְרַיִם

מא, נ׳ למ״ד קמוצה

און מע האָט אויסגערופן פאַר אים: אַבְרֵךְ[א]! און ער האָט אים אויפגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצְרַיִם.

[44] און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוסֵפן: איך בין פַּרעה, אָבער אָן דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן אַ האַנט אָדער אַ פוס אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [45] און פַּרעה האָט גערופן דעם נאָמען פון יוסֵפן, צָפְנַת־פַּעְנֵחַ[א]; און ער האָט אים געגעבן אָסְנַת די טאָכטער פון פּוטי־פֶרַע, דעם פּריסטער פון אוֹן, פאַר אַ ווייב.

און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען איבערן לאַנד מִצרַיִם.— [46] און יוסף איז געווען דרייסיק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם.—און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר פַּרעהן, און איז דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

[47] און דאָס לאַנד האָט געבראַכט אין די זיבן זאַטע יאָרן הויפנסווייז. [48] און ער האָט אויפגעזאַמלט די גאַנצע שפּייז פון די זיבן יאָר וואָס זיינען געווען אין לאַנד מִצרַיִם, און האָט אַריינגעטאָן די שפּייז אין די שטעט; די שפּייז פון די פעלדער פון אַ שטאָט וואָס אַרום איר, האָט ער אַריינגעטאָן אין איר. [49] און יוסף האָט אָנגעקליבן תבואה אַזוי ווי זאַמד פון ים, זייער פיל, ביז מע האָט אויפגעהערט צו ציילן, ווייל עס איז געווען אָן אַ צאָל.

[50] און ביי יוסֵפן זיינען געבאָרן געוואָרן, איידער דאָס הונגעריאָר איז געקומען, צוויי זין, וואָס אָסְנַת די טאָכטער פון פּוטי־פֶרַע דעם פּריסטער פון און האָט אים געבאָרן. [51] און יוסף האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם בְּכוֹר מְנַשֶּׁה, ווייל: „גאָט האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן[ב] מיין גאַנצע מאַטערניש, און דאָס גאַנצע הויז פון מיין פאָטער". [52] און דעם נאָמען פון דעם צווייטן האָט ער גערופן אֶפְרַיִם, ווייל: „גאָט האָט מיך געפרוכפּערט[ג] אין דעם לאַנד פון מיין פּיין".

[53] און עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן יאָר פון דער זעט וואָס איז געווען אין לאַנד מִצרַיִם. [54] און עס האָבן אָנגעהויבן קומען די זיבן הונגעריאָרן, אַזוי ווי יוסף האָט פאָרויסגעזאָגט. און עס איז געווען אַ הונגער אין אַלע לענדער, נאָר אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז געווען ברויט.

[55] און אַז דאָס גאַנצע לאַנד מִצרַיִם האָט אָנגעהויבן הונגערן, און דאָס פאָלק האָט געשריען צו פַּרעהן אום ברויט, האָט פַּרעה געזאָגט צו גאַנץ מִצרַיִם: גייט צו יוסֵפן; וואָס ער וועט אייך זאָגן, זאָלט איר טאָן. [56] און דער הונגער איז געווען איבערן גאַנצן לאַנד; און יוסף האָט געעפנט אַלע שפּייכלערס, און האָט פאַרקויפט צו מִצרַיִם; און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אין לאַנד מִצרַיִם. [57] און פון דער גאַנצער ערד איז מען געקומען קיין מִצרַיִם צו יוסֵפן קויפן תבואה, וואָרום דער הונגער איז געווען שטאַרק אויף דער גאַנצער ערד.

מב [1] און יעקב האָט געזען אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם, און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע זין: וואָס קוקט איר אייך אָן? [2] און ער האָט געזאָגט: אָט האָב איך געהערט, אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם.

[א] זע אָנמערקונגען. [ב] נַשַּׁנִי. [ג] הִפְרַנִי.

נידערט אַראָפּ אַהין, און קויפט אונדז איין פון דאָרטן, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן.

3 האָבן יוספס צען ברידער אַראָפּגענידערט קויפן תּבֿואה פון מִצרַיִם. 4 אָבער בנימין, יוספס ברודער, האָט יעקב ניט מיטגעשיקט מיט זיינע ברידער, ווייל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט אים טרעפן אַן אומגליק.

5 זיינען געקומען די זין פון ישׂראלן איינקויפן, צווישן די וואָס זיינען געקומען, וואָרום דער הונגער איז געווען אין לאַנד כּנַעַן. 6 און יוסף איז געווען דער געוועלטיקער איבערן לאַנד; ער איז געווען דער וואָס האָט פאַרקויפט צום גאַנצן פאָלק פון לאַנד. זיינען געקומען יוספס ברי־דער, און האָבן זיך צו אים געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד. 7 און יוסף האָט געזען זיינע ברידער, און האָט זיי דערקענט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט פרעמד צו זיי, און האָט גערעדט מיט זיי האַרט, און האָט צו זיי געזאָגט: פון וואַנען קומט איר? האָבן זיי געזאָגט: פון לאַנד כּנַעַן, איינצוקויפן שפּייז.

8 און יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, אָבער זיי האָבן אים ניט דערקענט. 9 און יוסף האָט זיך דערמאָנט אָן די חלומות, וואָס האָבן זיך אים געחלומט וועגן זיי, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אויסקוקערס זייט איר; צו זען די נאַקעטקייט פון לאַנד זייט איר געקומען.

10 האָבן זיי צו אים געזאָגט: ניין, מיין האַר, נייערט צו קויפן שפּייז זיינען געקומען דיינע קנעכט. 11 מיר אַלע זיינען זין פון איין מאַן; ערלעכע מענטשן זיינען מיר; דיינע קנעכט זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס.

ג רְדוּ־שָׁמָּה וְשִׁבְרוּ־לָנוּ מִשָּׁם וְנִחְיֶה וְלֹא נָמוּת: וַיֵּרְדוּ
ד אֲחֵי־יוֹסֵף עֲשָׂרָה לִשְׁבֹּר בָּר מִמִּצְרָיִם: וְאֶת־בִּנְיָמִין אֲחִי
יוֹסֵף לֹא־שָׁלַח יַעֲקֹב אֶת־אֶחָיו כִּי אָמַר פֶּן־יִקְרָאֶנּוּ אָסוֹן:
ה וַיָּבֹאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִשְׁבֹּר בְּתוֹךְ הַבָּאִים כִּי־הָיָה הָרָעָב
ו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן: וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל־הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר
לְכָל־עַם הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ אַפַּיִם
ז אָרְצָה: וַיַּרְא יוֹסֵף אֶת־אֶחָיו וַיַּכִּרֵם וַיִּתְנַכֵּר אֲלֵיהֶם
וַיְדַבֵּר אִתָּם קָשׁוֹת וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֵאַיִן בָּאתֶם וַיֹּאמְרוּ
ח מֵאֶרֶץ כְּנַעַן לִשְׁבָּר־אֹכֶל: וַיַּכֵּר יוֹסֵף אֶת־אֶחָיו וְהֵם
ט לֹא הִכִּרֻהוּ: וַיִּזְכֹּר יוֹסֵף אֵת הַחֲלֹמוֹת אֲשֶׁר חָלַם לָהֶם
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מְרַגְּלִים אַתֶּם לִרְאוֹת אֶת־עֶרְוַת הָאָרֶץ
י בָּאתֶם: וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו לֹא אֲדֹנִי וַעֲבָדֶיךָ בָּאוּ לִשְׁבָּר־אֹכֶל:
יא כֻּלָּנוּ בְּנֵי אִישׁ־אֶחָד נָחְנוּ כֵּנִים אֲנַחְנוּ לֹא־הָיוּ עֲבָדֶיךָ
יב מְרַגְּלִים: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לֹא כִּי־עֶרְוַת הָאָרֶץ בָּאתֶם
יג לִרְאוֹת: וַיֹּאמְרוּ שְׁנֵים עָשָׂר עֲבָדֶיךָ אַחִים ׀ אֲנַחְנוּ בְּנֵי
אִישׁ־אֶחָד בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וְהִנֵּה הַקָּטֹן אֶת־אָבִינוּ הַיּוֹם
יד וְהָאֶחָד אֵינֶנּוּ: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הוּא אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי
טו אֲלֵכֶם לֵאמֹר מְרַגְּלִים אַתֶּם: בְּזֹאת תִּבָּחֵנוּ חֵי פַרְעֹה אִם־
טז תֵּצְאוּ מִזֶּה כִּי אִם־בְּבוֹא אֲחִיכֶם הַקָּטֹן הֵנָּה: שִׁלְחוּ
מִכֶּם אֶחָד וְיִקַּח אֶת־אֲחִיכֶם וְאַתֶּם הֵאָסְרוּ וְיִבָּחֲנוּ דִּבְרֵיכֶם
הַאֱמֶת אִתְּכֶם וְאִם־לֹא חֵי פַרְעֹה כִּי מְרַגְּלִים אַתֶּם:
יז יח וַיֶּאֱסֹף אֹתָם אֶל־מִשְׁמָר שְׁלֹשֶׁת יָמִים: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם
יוֹסֵף בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי זֹאת עֲשׂוּ וִחְיוּ אֶת־הָאֱלֹהִים אֲנִי
חמ׳ יָרֵא: אִם־כֵּנִים אַתֶּם אֲחִיכֶם אֶחָד יֵאָסֵר בְּבֵית מִשְׁמַרְכֶם
כ וְאַתֶּם לְכוּ הָבִיאוּ שֶׁבֶר רַעֲבוֹן בָּתֵּיכֶם: וְאֶת־אֲחִיכֶם
הַקָּטֹן תָּבִיאוּ אֵלַי וְיֵאָמְנוּ דִבְרֵיכֶם וְלֹא תָמוּתוּ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן:
כא וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים ׀ אֲנַחְנוּ עַל־אָחִינוּ
אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ עַל־

12 האָט ער צו זיי געזאָגט: ניין, נייערט די נאַקעטקייט פון לאַנד זייט איר געקומען זען.

13 האָבן זיי געזאָגט: צוועלף ברידער זיינען מיר, דיינע קנעכט, זין פון איין מאַן אין לאַנד כּנַעַן, און אָט איז דער ייִנגסטער היינט מיט אונדזער פאָטער, און איינער איז ניט געוואָרן.

14 האָט יוסף צו זיי געזאָגט: דאָס איז דאָך וואָס איך האָב צו אייך גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויסקוקערס זייט איר.

15 דערמיט וועט איר געפּרוּווט ווערן: אַזוי ווי פּרעה לעבט, אויב איר וועט פון דאַנען אַרויסגיין, סיידן אייער ייִנגסטער ברודער וועט קומען אַהער! 16 שיקט פון אייך איינעם, ער זאָל ברענגען אייער ברודער, און איר בלייבט איינגע־שפּאַרט, כּדי אייערע ווערטער זאָלן אויסגעפּרוּווט ווערן, אויב דער אמת איז מיט אייך; און אויב ניט, אַזוי ווי פּרעה לעבט, אַז איר זייט אויסקוקערס!

17 און ער האָט זיי אַריינגענומען אין וואַך אויף דריי טעג.

18 און יוסף האָט צו זיי געזאָגט אויפן דריטן טאָג: דאָס טוט, און איר וועט בלייבן לעבן–איך האָב מורא פאַר גאָט:

19 אויב איר זייט ערלעכע מענטשן, זאָל איין ברודער אייערער בלייבן איינגעשפּאַרט אין אייער וואַכהויז, און איר גייט, און ברענגט תּבֿואה פאַר דעם הונגער פון אייערע הויזגעזינטן. 20 און אייער ייִנגסטן ברודער זאָלט איר ברענגען צו מיר; און אייערע ווערטער וועלן באַווערט ווערן, און איר וועט ניט שטאַרבן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

21 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: פאַרוואָר, מיר זיינען שולדיק וועגן אונדזער ברודער וואָס מיר האָבן צוגעזען דעם צער פון זיין זעל, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז, און מיר האָבן ניט צוגעהערט.

כֵּן בָּאָה אֵלֵינוּ הַצָּרָה הַזֹּאת: וַיַּעַן רְאוּבֵן אֹתָם לֵאמֹר כב
הֲלוֹא אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם ׀ לֵאמֹר אַל־תֶּחֶטְאוּ בַיֶּלֶד וְלֹא
שְׁמַעְתֶּם וְגַם־דָּמוֹ הִנֵּה נִדְרָשׁ: וְהֵם לֹא יָדְעוּ כִּי שֹׁמֵעַ כג
יוֹסֵף כִּי הַמֵּלִיץ בֵּינֹתָם: וַיִּסֹּב מֵעֲלֵיהֶם וַיֵּבְךְּ וַיָּשָׁב כד
אֲלֵהֶם וַיְדַבֵּר אֲלֵהֶם וַיִּקַּח מֵאִתָּם אֶת־שִׁמְעוֹן וַיֶּאֱסֹר אֹתוֹ
לְעֵינֵיהֶם: וַיְצַו יוֹסֵף וַיְמַלְאוּ אֶת־כְּלֵיהֶם בָּר וּלְהָשִׁיב כה
כַּסְפֵּיהֶם אִישׁ אֶל־שַׂקּוֹ וְלָתֵת לָהֶם צֵדָה לַדָּרֶךְ וַיַּעַשׂ
לָהֶם כֵּן: וַיִּשְׂאוּ אֶת־שִׁבְרָם עַל־חֲמֹרֵיהֶם וַיֵּלְכוּ מִשָּׁם: כו
וַיִּפְתַּח הָאֶחָד אֶת־שַׂקּוֹ לָתֵת מִסְפּוֹא לַחֲמֹרוֹ בַּמָּלוֹן וַיַּרְא כז
אֶת־כַּסְפּוֹ וְהִנֵּה־הוּא בְּפִי אַמְתַּחְתּוֹ: וַיֹּאמֶר אֶל־אֶחָיו כח
הוּשַׁב כַּסְפִּי וְגַם הִנֵּה בְאַמְתַּחְתִּי וַיֵּצֵא לִבָּם וַיֶּחֶרְדוּ אִישׁ
אֶל־אָחִיו לֵאמֹר מַה־זֹּאת עָשָׂה אֱלֹהִים לָנוּ: וַיָּבֹאוּ אֶל־ כט
יַעֲקֹב אֲבִיהֶם אַרְצָה כְּנָעַן וַיַּגִּידוּ לוֹ אֵת כָּל־הַקֹּרֹת אֹתָם
לֵאמֹר: דִּבֶּר הָאִישׁ אֲדֹנֵי הָאָרֶץ אִתָּנוּ קָשׁוֹת וַיִּתֵּן אֹתָנוּ ל
כִּמְרַגְּלִים אֶת־הָאָרֶץ: וַנֹּאמֶר אֵלָיו כֵּנִים אֲנָחְנוּ לֹא הָיִינוּ לא
מְרַגְּלִים: שְׁנֵים־עָשָׂר אֲנַחְנוּ אַחִים בְּנֵי אָבִינוּ הָאֶחָד אֵינֶנּוּ לב
וְהַקָּטֹן הַיּוֹם אֶת־אָבִינוּ בְּאֶרֶץ כְּנָעַן: וַיֹּאמֶר אֵלֵינוּ הָאִישׁ לג
אֲדֹנֵי הָאָרֶץ בְּזֹאת אֵדַע כִּי כֵנִים אַתֶּם אֲחִיכֶם הָאֶחָד
הַנִּיחוּ אִתִּי וְאֶת־רַעֲבוֹן בָּתֵּיכֶם קְחוּ וָלֵכוּ: וְהָבִיאוּ אֶת־ לד
אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אֵלַי וְאֵדְעָה כִּי לֹא מְרַגְּלִים אַתֶּם כִּי כֵנִים
אַתֶּם אֶת־אֲחִיכֶם אֶתֵּן לָכֶם וְאֶת־הָאָרֶץ תִּסְחָרוּ: וַיְהִי לה
הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם וְהִנֵּה־אִישׁ צְרוֹר־כַּסְפּוֹ בְּשַׂקּוֹ
וַיִּרְאוּ אֶת־צְרֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם הֵמָּה וַאֲבִיהֶם וַיִּירָאוּ: וַיֹּאמֶר לו
אֲלֵהֶם יַעֲקֹב אֲבִיהֶם אֹתִי שִׁכַּלְתֶּם יוֹסֵף אֵינֶנּוּ וְשִׁמְעוֹן
אֵינֶנּוּ וְאֶת־בִּנְיָמִן תִּקָּחוּ עָלַי הָיוּ כֻלָּנָה: וַיֹּאמֶר רְאוּבֵן לז
אֶל־אָבִיו לֵאמֹר אֶת־שְׁנֵי בָנַי תָּמִית אִם־לֹא אֲבִיאֶנּוּ
אֵלֶיךָ תְּנָה אֹתוֹ עַל־יָדִי וַאֲנִי אֲשִׁיבֶנּוּ אֵלֶיךָ: וַיֹּאמֶר לֹא־ לח

לו׳ קמץ בז״ק

דרום איז אויף אונדז געקומען די דאָזיקע צרה. [22] און ראובן האָט זיך אָפּגערופן צו זיי, אַזוי צו זאָגן: האָב איך אײַך ניט געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרזינדיקט אײַך ניט אָן דעם יינגל? אָבער איר האָט ניט צוגעהערט; און אָט אויך ווערט זײַן בלוט אויפגעמאָנט.

[23] און זיי האָבן ניט געוווּסט אַז יוסף פֿאַרשטייט וואָרום אַ טאָלמעטש איז געווען צווישן זיי. [24] האָט ער זיך אָפּגעדרייט פֿון זיי, און האָט געוויינט. און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי, און האָט צו זיי גערעדט; און ער האָט גענומען פֿון זיי שמעונען, און האָט אים אײַנגעשפּאַרט פֿאַר זייערע אויגן.

[25] און יוסף האָט באַפֿוילן, מע זאָל אָנפֿילן זייערע כּלים מיט תּבֿואה, און אומקערן זייער געלט איטלעכן אין זײַן זאַק, און זיי געבן שפּײַז אויפֿן וועג. און מע האָט צו זיי אַזוי געטאָן. [26] און זיי האָבן אויפֿגעלאָדן זייער תּבֿואה אויף זייערע אייזלען, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרטן.

[27] האָט איינער געעפֿנט זײַן זאַק צו געבן זײַן אייזל פֿוטער אין האַרבעריק, און האָט דערזען זײַן געלט, ערשט עס איז אין מויל פֿון זײַן זאַק. [28] האָט ער געזאָגט צו זײַנע ברידער: מײַן געלט איז אומגעקערט געוואָרן, און אָט איז עס אויך אין מײַן זאַק. איז זיי אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ, און זיי האָבן ציטערנדיק געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס האָט אונדז דאָ גאָט געטאָן?

[29] און זיי זײַנען געקומען צו זייער פֿאָטער יעקבֿן קיין לאַנד כּנַען, און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפֿן, אַזוי צו זאָגן: [30] דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, האָט מיט אונדז גערעדט האַרט, און ער האָט אונדז געמאַכט פֿאַר אויסקוקערס פֿון דעם לאַנד. [31] האָבן מיר צו אים געזאָגט: ערלעכע מענטשן זײַנען מיר, מיר זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס. [32] צוועלף ברידער זײַנען מיר, זין פֿון אונדזער פֿאָטער; איינער איז ניט געוואָרן, און דער ייִנגסטער איז הײַנט מיט אונדזער פֿאָטער אין לאַנד כּנַען. [33] האָט דער מאַן, דער האַר פֿון לאַנד, צו אונדז געזאָגט: דערמיט וועל איך וויסן אַז איר זײַט ערלעכע מענטשן: איין ברודער אײַערן לאָזט איבער בײַ מיר, און נעמט געניג פֿאַר דעם הונגער פֿון אײַערע הויזגעזינטן, און גייט. [34] און ברענגט אײַער ייִנגסטן ברודער צו מיר, און איך וועל וויסן אַז איר זײַט ניט קיין אויסקוקערס, נאָר איר זײַט ערלעכע מענטשן; וועל איך אײַך אָפּגעבן אײַער ברודער, און איר וועט מעגן פֿאַרקערן אין לאַנד.

[35] און עס איז געווען, ווי זיי ליידיקן אויס זייערע זעק, ערשט איטלעכנס בינטל געלט איז אין זײַן זאַק; און ווי זיי און זייער פֿאָטער האָבן דערזען זייערע בינטלעך געלט, אַזוי האָבן זיי מורא געקראָגן. [36] און זייער פֿאָטער יעקבֿ האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט מיך באַרויבט פֿון מײַנע קינדער; יוסף איז מער ניטאָ, און שמעון איז ניטאָ, און בנימינען ווילט איר אַוועקנעמען; דאָס אַלץ איז אויף מיר אויסגעגאַנגען.

[37] האָט ראובן געזאָגט צו זײַן פֿאָטער, אַזוי צו זאָגן: מײַנע ביידע זין זאָלסטו טייטן, אויב איך וועל דיר אים ניט צוריקברענגען. גיב אים אויף מײַן האַנט, און איך וועל אים אומקערן צו דיר.

יֵרֵד בְּנִי עִמָּכֶם כִּי־אָחִיו מֵת וְהוּא לְבַדּוֹ נִשְׁאָר וּקְרָאָהוּ
אָסוֹן בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ וְהוֹרַדְתֶּם אֶת־שֵׂיבָתִי בְּיָגוֹן
שְׁאוֹלָה׃

מג

א ב וְהָרָעָב כָּבֵד בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ לֶאֱכֹל אֶת־הַשֶּׁבֶר
אֲשֶׁר הֵבִיאוּ מִמִּצְרָיִם וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אֲבִיהֶם שֻׁבוּ שִׁבְרוּ־
ג לָנוּ מְעַט־אֹכֶל׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוּדָה לֵאמֹר הָעֵד הֵעִד
בָּנוּ הָאִישׁ לֵאמֹר לֹא־תִרְאוּ פָנַי בִּלְתִּי אֲחִיכֶם אִתְּכֶם׃
ד אִם־יֶשְׁךָ מְשַׁלֵּחַ אֶת־אָחִינוּ אִתָּנוּ נֵרְדָה וְנִשְׁבְּרָה לְךָ
ה אֹכֶל׃ וְאִם־אֵינְךָ מְשַׁלֵּחַ לֹא נֵרֵד כִּי־הָאִישׁ אָמַר אֵלֵינוּ
ו לֹא־תִרְאוּ פָנַי בִּלְתִּי אֲחִיכֶם אִתְּכֶם׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל לָמָה
ז הֲרֵעֹתֶם לִי לְהַגִּיד לָאִישׁ הַעוֹד לָכֶם אָח׃ וַיֹּאמְרוּ שָׁאוֹל
שָׁאַל־הָאִישׁ לָנוּ וּלְמוֹלַדְתֵּנוּ לֵאמֹר הַעוֹד אֲבִיכֶם חַי הֲיֵשׁ
לָכֶם אָח וַנַּגֶּד־לוֹ עַל־פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הֲיָדוֹעַ נֵדַע כִּי
ח יֹאמַר הוֹרִידוּ אֶת־אֲחִיכֶם׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל־יִשְׂרָאֵל
אָבִיו שִׁלְחָה הַנַּעַר אִתִּי וְנָקוּמָה וְנֵלֵכָה וְנִחְיֶה וְלֹא נָמוּת
ט גַּם־אֲנַחְנוּ גַם־אַתָּה גַּם־טַפֵּנוּ׃ אָנֹכִי אֶעֶרְבֶנּוּ מִיָּדִי תְּבַקְשֶׁנּוּ
אִם־לֹא הֲבִיאֹתִיו אֵלֶיךָ וְהִצַּגְתִּיו לְפָנֶיךָ וְחָטָאתִי לְךָ
כָּל־הַיָּמִים׃ כִּי לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ כִּי־עַתָּה שַׁבְנוּ זֶה
יא פַעֲמָיִם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִשְׂרָאֵל אֲבִיהֶם אִם־כֵּן ׀ אֵפוֹא
זֹאת עֲשׂוּ קְחוּ מִזִּמְרַת הָאָרֶץ בִּכְלֵיכֶם וְהוֹרִידוּ לָאִישׁ
מִנְחָה מְעַט צֳרִי וּמְעַט דְּבַשׁ נְכֹאת וָלֹט בָּטְנִים וּשְׁקֵדִים׃
יב וְכֶסֶף מִשְׁנֶה קְחוּ בְיֶדְכֶם וְאֶת־הַכֶּסֶף הַמּוּשָׁב בְּפִי
יג אַמְתְּחֹתֵיכֶם תָּשִׁיבוּ בְיֶדְכֶם אוּלַי מִשְׁגֶּה הוּא׃ וְאֶת־
יד אֲחִיכֶם קָחוּ וְקוּמוּ שׁוּבוּ אֶל־הָאִישׁ׃ וְאֵל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם
רַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת־אֲחִיכֶם אַחֵר וְאֶת־
טו בִּנְיָמִין וַאֲנִי כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי שָׁכָלְתִּי׃ וַיִּקְחוּ הָאֲנָשִׁים אֶת־

יב׳ השי בפתח

38 האָט ער געזאָגט: מיין זון וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אײַך, וואָרום זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן, און אַז אים וועט טרעפן אַן אומגליק אויף דעם וועג וואָס איר וועט גיין דערויף, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט טרויער אין קבר.

מג 1 און דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. 2 און עס איז געווען, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן די תּבֿואה, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון מצרים, האָט זייער פאָטער צו זיי געזאָגט: גייט ווידער, קויפט אונדז אַ ביסל שפּייז.

3 האָט יהודה געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: וואָרענען האָט אונדז געוואָרנט דער מאַן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט מיין פּנים ניט זען, אויב אײַער ברודער איז ניט מיט אײַך. 4 אויב דו שיקסט אונדזער ברודער מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, און וועלן דיר איינקויפן שפּייז. 5 אויב אָבער דו שיקסט ניט, וועלן מיר ניט אַראָפּנידערן, וואָרום דער מאַן האָט אונדז אָנגעזאָגט: איר זאָלט מיין פּנים ניט זען, אויב אײַער ברודער איז ניט מיט אײַך.

6 האָט ישׂראל געזאָגט: נאָך וואָס האָט איר מיר געטאָן די רעה, צו זאָגן דעם מאַן, אַז איר האָט נאָך אַ ברודער?

7 האָבן זיי געזאָגט: דער מאַן האָט זיך פאַנאַנדער־געפרעגט וועגן אונדז, און וועגן אונדזער משפּחה, אַזוי צו זאָגן: לעבט נאָך אײַער פאָטער? האָט איר נאָך אַ ברודער? און מיר האָבן אים דערציילט לויט דידאָזיקע ווערטער. זאָלן מיר גאָר וויסן, אַז ער וועט זאָגן: ברענגט אַראָפּ אײַער ברודער? 8 און יהודה האָט געזאָגט צו זיין פאָטער ישׂראל: שיק דעם יינגל מיט מיר, און מיר וועלן אויפשטיין און וועלן גיין, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, אי מיר, אי דו, אי אונדזערע קליינע קינדער. 9 איך בין ערבֿ פאַר אים, פון מיין האַנט זאָלסטו אים מאָנען; אויב איך וועל דיר אים ניט ברענגען און אים אַוועקשטעלן פאַר דיר, זאָל איך זיין אַ פאַרזינדיקטער צו דיר אַלע טעג. 10 וואָרום אַז מיר וואָלטן זיך ניט אויפגעהאַלטן, וואָלטן מיר שוין אַצונד זיך געהאַט אומגעקערט צום צווייטן מאָל.

11 האָט זייער פאָטער ישׂראל צו זיי געזאָגט: אויב שוין יאָ אַזוי, טוט אָט־וואָס: נעמט פון די בעסטע פּרוכטן פון לאַנד אין אײַערע כּלים, און ברענגט אַראָפּ צו דעם מאַן אַ מתּנה, אַ ביסל באַלזאַם, און אַ ביסל האָניק, געווירץ, און לאַדאַן, ניס, און מאַנדלען. 12 און טאָפּל געלט נעמט מיט אין אײַער האַנט; און דאָס געלט וואָס איז אומגעקערט געוואָרן אין מויל פון אײַערע זעק, זאָלט איר אומקערן מיט אײַער האַנט; אפשר איז דאָס געווען אַ פאַרזע. 13 און נעמט אײַער ברודער, און שטייט אויף, גייט ווידער צו דעם מאַן. 14 און גאָט שדי וועט אײַך געבן דערבאַרימונג ביי דעם מאַן, און ער וועט אײַך אַוועקלאָזן אײַער אַנדער ברודער און בנימינען; און איך, אויב איך מוז אָנווערן מיינע קינדער, וועל איך אָנווערן.

הַמִּנְחָה הַזֹּאת וּמִשְׁנֶה־כֶּסֶף לָקְחוּ בְיָדָם וְאֶת־בִּנְיָמִן
וַיָּקֻמוּ וַיֵּרְדוּ מִצְרַיִם וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי יוֹסֵף׃ וַיַּרְא יוֹסֵף ששי
אִתָּם אֶת־בִּנְיָמִין וַיֹּאמֶר לַאֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ הָבֵא אֶת־הָאֲנָשִׁים
הַבָּיְתָה וּטְבֹחַ טֶבַח וְהָכֵן כִּי אִתִּי יֹאכְלוּ הָאֲנָשִׁים
בַּצָּהֳרָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָאִישׁ כַּאֲשֶׁר אָמַר יוֹסֵף וַיָּבֵא הָאִישׁ יז
אֶת־הָאֲנָשִׁים בֵּיתָה יוֹסֵף׃ וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים כִּי הוּבְאוּ יח
בֵּית יוֹסֵף וַיֹּאמְרוּ עַל־דְּבַר הַכֶּסֶף הַשָּׁב בְּאַמְתְּחֹתֵינוּ
בַּתְּחִלָּה אֲנַחְנוּ מוּבָאִים לְהִתְגֹּלֵל עָלֵינוּ וּלְהִתְנַפֵּל עָלֵינוּ
וְלָקַחַת אֹתָנוּ לַעֲבָדִים וְאֶת־חֲמֹרֵינוּ׃ וַיִּגְּשׁוּ אֶל־הָאִישׁ יט
אֲשֶׁר עַל־בֵּית יוֹסֵף וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו פֶּתַח הַבָּיִת׃ וַיֹּאמְרוּ כ
בִּי אֲדֹנִי יָרֹד יָרַדְנוּ בַּתְּחִלָּה לִשְׁבָּר־אֹכֶל׃ וַיְהִי כִּי־בָאנוּ כא
אֶל־הַמָּלוֹן וַנִּפְתְּחָה אֶת־אַמְתְּחֹתֵינוּ וְהִנֵּה כֶסֶף־אִישׁ בְּפִי
אַמְתַּחְתּוֹ כַּסְפֵּנוּ בְּמִשְׁקָלוֹ וַנָּשֶׁב אֹתוֹ בְּיָדֵנוּ׃ וְכֶסֶף אַחֵר כב
הוֹרַדְנוּ בְיָדֵנוּ לִשְׁבָּר־אֹכֶל לֹא יָדַעְנוּ מִי־שָׂם כַּסְפֵּנוּ
בְּאַמְתְּחֹתֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר שָׁלוֹם לָכֶם אַל־תִּירָאוּ אֱלֹהֵיכֶם כג
וֵאלֹהֵי אֲבִיכֶם נָתַן לָכֶם מַטְמוֹן בְּאַמְתְּחֹתֵיכֶם כַּסְפְּכֶם
בָּא אֵלָי וַיּוֹצֵא אֲלֵהֶם אֶת־שִׁמְעוֹן׃ וַיָּבֵא הָאִישׁ אֶת־ כד
הָאֲנָשִׁים בֵּיתָה יוֹסֵף וַיִּתֶּן־מַיִם וַיִּרְחֲצוּ רַגְלֵיהֶם וַיִּתֵּן
מִסְפּוֹא לַחֲמֹרֵיהֶם׃ וַיָּכִינוּ אֶת־הַמִּנְחָה עַד־בּוֹא יוֹסֵף כה
בַּצָּהֳרָיִם כִּי שָׁמְעוּ כִּי־שָׁם יֹאכְלוּ לָחֶם׃ וַיָּבֹא יוֹסֵף הַבַּיְתָה כו
וַיָּבִיאּוּ לוֹ אֶת־הַמִּנְחָה אֲשֶׁר־בְּיָדָם הַבָּיְתָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ
אָרְצָה׃ וַיִּשְׁאַל לָהֶם לְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם אֲבִיכֶם כז
הַזָּקֵן אֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם הַעוֹדֶנּוּ חָי׃ וַיֹּאמְרוּ שָׁלוֹם לְעַבְדְּךָ כח
לְאָבִינוּ עוֹדֶנּוּ חָי וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲוֻּ׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־ כט
בִּנְיָמִין אָחִיו בֶּן־אִמּוֹ וַיֹּאמֶר הֲזֶה אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אֲשֶׁר
אֲמַרְתֶּם אֵלָי וַיֹּאמַר אֱלֹהִים יָחְנְךָ בְּנִי׃ וַיְמַהֵר יוֹסֵף כִּי־ שב׳
נִכְמְרוּ רַחֲמָיו אֶל־אָחִיו וַיְבַקֵּשׁ לִבְכּוֹת וַיָּבֹא הַחַדְרָה

כו׳ א׳ דגושה   כח׳ וישתחוו קרי

[15] האָבן די מענער גענומען דידאָזיקע מתּנה, און טאָפּל געלט האָבן זיי מיטגענומען אין זייער האַנט, און בנימינען, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן גענידערט קיין מִצרַיִם, און האָבן זיך געשטעלט פאַר יוסֿפן.

[16] און ווי יוסף האָט דערזען בנימינען מיט זיי, אַזוי האָט ער געזאָגט צו דעם וואָס איבער זיין הויז: ברענג אַריין די מענטשן אין הויז, און שעכט אַ שעכטונג, און גרייט צו, וואָרום די מענטשן וועלן עסן מיט מיר צו מיטאָג. [17] האָט דער מאַן געטאָן אַזוי ווי יוסף האָט געהייסן, און דער מאַן האָט אַריינגעבראַכט די מענער אין יוסֿפס הויז.

[18] און די מענער האָבן מורא געהאַט, ווייל זיי זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יוסֿפס הויז, און זיי האָבן געזאָגט: פון וועגן דעם געלט וואָס איז אומגעקערט געוואָרן אין אונדזערע זעק דאָס ערשטע מאָל, ווערן מיר אַריינגעבראַכט, כּדי זיך אַרויפצוואַרפן אויף אונדז, און אָנפאַלן אויף אונדז, און אונדז נעמען פאַר קנעכט מיט אונדזערע אייזלען.

[19] האָבן זיי גענענט צו דעם מאַן וואָס איבער יוסֿפס הויז, און האָבן גערעדט צו אים אין אַיינגאַנג פון הויז. [20] און זיי האָבן געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, מיר האָבן אַראָפּגענידערט דאָס ערשטע מאָל צו קויפן שפּייז. [21] און עס איז געווען, אַז מיר זיינען געקומען צום האַר־בעריק, און האָבן געעפנט אונדזערע זעק, ערשט איטלעכנס געלט איז אין מויל פון זיין זאַק, אונדזער געלט אין זיין פולער וואָג; האָבן מיר עס אָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט. [22] און נאָך אַנדער געלט האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט, צו קויפן שפּייז. מיר ווייסן ניט ווער עס האָט אַריינגעטאָן אונדזער געלט אין אונדזערע זעק.

[23] האָט ער געזאָגט: פריד צו אייך! איר זאָלט ניט מורא האָבן; אייער גאָט, און דער גאָט פון אייער פאָטער, האָט אייך געשאָנקען אַן אוצר אין אייערע זעק; אייער געלט איז מיר אַריינגעקומען. און ער האָט אַרויסגעבראַכט צו זיי שמעונען.

[24] און דער מאַן האָט אַריינגעבראַכט די מענער אין יוסֿפס הויז, און ער האָט געגעבן וואַסער, און זיי האָבן גע־וואַשן זייערע פיס; און ער האָט געגעבן פוטער פאַר זייערע אייזלען. [25] און זיי האָבן צוגעגרייט די מתּנה איידער יוסף וועט קומען אום מיטאָג, וואָרום זיי האָבן געהערט אַז דאָרטן וועלן זיי עסן ברויט.

[26] און ווי יוסף איז געקומען אין הויז, אַזוי האָבן זיי אַריינגעבראַכט צו אים אין הויז די מתּנה וואָס אין זייער האַנט, און זיי האָבן זיך געבוקט פאַר אים צו דער ערד. [27] און ער האָט זיי געפרעגט אויף פריד, און ער האָט צו זיי געזאָגט: איז פריד צו אייער אַלטן פאָטער, וואָס איר האָט פון אים דערציילט? לעבט ער נאָך? [28] האָבן זיי געזאָגט: פריד איז צו דיין קנעכט אונדזער פאָטער, ער לעבט נאָך. און זיי האָבן זיך גענייגט און זיך געבוקט.

[29] האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען זיין ברודער בנימינען, זיין מוטערס זון, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס אייער יינגסטער ברודער, וואָס איר האָט מיר פון אים דערציילט? און ער האָט געזאָגט: זאָל דיך גאָט לייט־זעליקן, מיין זון.

[30] און יוסף האָט זיך געאײַלט, וואָרום זיין האַרץ האָט אים פאַרקלעמט אויף זיין ברודער, און ער האָט זיך געוואָלט

פאַנאַנדערוויינען; איז ער אַריין אין קאַמער, און האָט דאָרטן געוויינט. 31 און ער האָט אָפּגעוואַשן זיין פּנים, און איז אַרויסגעגאַנגען; און ער האָט זיך איינגעהאַלטן און האָט געזאָגט: לייגט ברויט.

32 האָט מען געלייגט פאַר אים באַזונדער, און פאַר זיי באַזונדער, און פאַר די מִצרים וואָס האָבן געגעסן ביי אים, באַזונדער, וואָרום די מִצרים קענען ניט עסן ברויט מיט די עִברים, ווייל דאָס איז אַן אומווערדיקייט ביי די מִצרים.

33 און זיי זיינען אויסגעזעצט געוואָרן פאַר אים, דער בכָור לויט זיין בכורהשאַפט, און דער יִנגערער לויט זיין יונגקייט; און די מענטשן האָבן זיך געוואונדערט צווישן איינאַנדער. 34 און ער האָט זיי געלאָזט צוטראָגן חלקים פון פאַר אים, און בנימינס חלק איז געווען פינף מאָל אַזוי פיל ווי זייער איטלעכנס חלק. און זיי האָבן געטרונקען און זיך אָנגעטרונקען מיט אים.

לא וַיֵּבְךְּ שָׁמָּה׃ וַיִּרְחַץ פָּנָיו וַיֵּצֵא וַיִּתְאַפַּק וַיֹּאמֶר שִׂימוּ

לב לָחֶם׃ וַיָּשִׂימוּ לוֹ לְבַדּוֹ וְלָהֶם לְבַדָּם וְלַמִּצְרִים הָאֹכְלִים

אִתּוֹ לְבַדָּם כִּי לֹא יוּכְלוּן הַמִּצְרִים לֶאֱכֹל אֶת־הָעִבְרִים

לג לֶחֶם כִּי־תוֹעֵבָה הִוא לְמִצְרָיִם׃ וַיֵּשְׁבוּ לְפָנָיו הַבְּכֹר

כִּבְכֹרָתוֹ וְהַצָּעִיר כִּצְעִרָתוֹ וַיִּתְמְהוּ הָאֲנָשִׁים אִישׁ אֶל־

לד רֵעֵהוּ׃ וַיִּשָּׂא מַשְׂאֹת מֵאֵת פָּנָיו אֲלֵהֶם וַתֵּרֶב מַשְׂאַת בִּנְיָמִן

מִמַּשְׂאֹת כֻּלָּם חָמֵשׁ יָדוֹת וַיִּשְׁתּוּ וַיִּשְׁכְּרוּ עִמּוֹ׃

מד

א וַיְצַו אֶת־אֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ לֵאמֹר מַלֵּא אֶת־אַמְתְּחֹת הָאֲנָשִׁים

אֹכֶל כַּאֲשֶׁר יוּכְלוּן שְׂאֵת וְשִׂים כֶּסֶף־אִישׁ בְּפִי אַמְתַּחְתּוֹ׃

ב וְאֶת־גְּבִיעִי גְּבִיעַ הַכֶּסֶף תָּשִׂים בְּפִי אַמְתַּחַת הַקָּטֹן וְאֵת

ג כֶּסֶף שִׁבְרוֹ וַיַּעַשׂ כִּדְבַר יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֵּר׃ הַבֹּקֶר אוֹר

ד וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ הֵמָּה וַחֲמֹרֵיהֶם׃ הֵם יָצְאוּ אֶת־הָעִיר

לֹא הִרְחִיקוּ וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי

הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לָמָּה שִׁלַּמְתֶּם רָעָה

ה תַּחַת טוֹבָה׃ הֲלוֹא זֶה אֲשֶׁר יִשְׁתֶּה אֲדֹנִי בּוֹ וְהוּא נַחֵשׁ

ו יְנַחֵשׁ בּוֹ הֲרֵעֹתֶם אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם׃ וַיַּשִּׂגֵם וַיְדַבֵּר אֲלֵהֶם

ז אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו לָמָּה יְדַבֵּר אֲדֹנִי

ח כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה חָלִילָה לַעֲבָדֶיךָ מֵעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה׃ הֵן

כֶּסֶף אֲשֶׁר מָצָאנוּ בְּפִי אַמְתְּחֹתֵינוּ הֱשִׁיבֹנוּ אֵלֶיךָ מֵאֶרֶץ

ט כְּנָעַן וְאֵיךְ נִגְנֹב מִבֵּית אֲדֹנֶיךָ כֶּסֶף אוֹ זָהָב׃ אֲשֶׁר יִמָּצֵא

אִתּוֹ מֵעֲבָדֶיךָ וָמֵת וְגַם־אֲנַחְנוּ נִהְיֶה לַאדֹנִי לַעֲבָדִים׃

י וַיֹּאמֶר גַּם־עַתָּה כְדִבְרֵיכֶם כֶּן־הוּא אֲשֶׁר יִמָּצֵא אִתּוֹ יִהְיֶה

יא לִּי עָבֶד וְאַתֶּם תִּהְיוּ נְקִיִּם׃ וַיְמַהֲרוּ וַיּוֹרִדוּ אִישׁ אֶת־

יב אַמְתַּחְתּוֹ אָרְצָה וַיִּפְתְּחוּ אִישׁ אַמְתַּחְתּוֹ׃ וַיְחַפֵּשׂ בַּגָּדוֹל

הֵחֵל וּבַקָּטֹן כִּלָּה וַיִּמָּצֵא הַגָּבִיעַ בְּאַמְתַּחַת בִּנְיָמִן׃

יג וַיִּקְרְעוּ שִׂמְלֹתָם וַיַּעֲמֹס אִישׁ עַל־חֲמֹרוֹ וַיָּשֻׁבוּ הָעִירָה׃

מד, י׳ קמץ בז״ק

**מד** 1 און ער האָט באַפוילן דעם וואָס איבער זיין הויז, אַזוי צו זאָגן: פיל אָן די זעק פון די מענטשן מיט שפייז וויפיל זיי קענען טראָגן, און טו אַריין איטלעכנס געלט אין מויל פון זיין זאַק. 2 און מיין בעכער, דעם זילבערנעם בעכער, זאָלסטו אַריינטאָן אין מויל פון דעם זאַק פון דעם יִנגסטן, מיט דעם געלט פאַר זיין תבואה.

און ער האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט וואָס יוסף האָט גערעדט.

3 ווי דער מאָרגן האָט אויפגעלויכטן, אַזוי זיינען די מענער אַוועקגעשיקט געוואָרן, זיי און זייערע אייזלען. 4 זיי זיינען נאָרוואָס אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, נאָך ניט געווען ווייט אַוועק, אַזוי האָט יוסף געזאָגט צו דעם וואָס איבער זיין הויז: שטיי אויף, יאָג נאָך די מענטשן, און אַז דו וועסט זיי אָניאָגן, זאָלסטו זאָגן צו זיי: פאַרוואָס האָט איר אָפּגעצאָלט אַ רעה פאַר אַ טובה? 5 דאָס איז דאָך דער וואָס מיין האַר טרינקט פון אים, און צויבערן טוט ער צויבערן מיט אים. איר האָט זיך שלעכט באַגאַנגען מיט וואָס איר האָט געטאָן.

6 און ער האָט זיי אָנגעיאָגט, און האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע ווערטער. 7 האָבן זיי צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רעדט מיין האַר אַזעלכע ווערטער? באַהיט זאָלן ווערן דיינע קנעכט פון טאָן אַזאַ זאַך! 8 זע, דאָס געלט וואָס מיר האָבן געפונען אין מויל פון אונדזערע זעק, האָבן מיר דיר אומגעקערט פון לאַנד כנַעַן, היינט ווי וועלן מיר גנבען פון דיין האַרס הויז זילבער אָדער גאָלד? 9 דער יעניקער פון דיינע קנעכט וואָס ער וועט ביי אים געפונען ווערן, זאָל שטאַרבן, און אויך מיר וועלן זיין קנעכט צו מיין האַר.

10 האָט ער געזאָגט: הגם געזאָלט האָט אַצונד זיין אַזוי ווי אייערע ווערטער, זאָל נאָר דער וואָס ער וועט ביי אים געפונען ווערן, זיין אַ קנעכט צו מיר, און איר וועט זיין ריין.

11 האָבן זיי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איטלעכער זיין זאַק אויף דער ערד, און זיי האָבן געעפנט איטלעכער זיין זאַק. 12 און ער האָט געזוכט; מיטן עלטסטן האָט ער אָנגעהויבן, און מיטן יִנגסטן האָט ער געענדיקט. און דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין בנימינס זאַק.

13 האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און איטלעכער האָט אויפגעלאָדן זיין אייזל, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין

וַיָּבֹא יְהוּדָה וְאֶחָיו בֵּיתָה יוֹסֵף וְהוּא עוֹדֶנּוּ שָׁם וַיִּפְּלוּ יד
לְפָנָיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יוֹסֵף מָה־הַמַּעֲשֶׂה הַזֶּה אֲשֶׁר מפ׳
עֲשִׂיתֶם הֲלוֹא יְדַעְתֶּם כִּי־נַחֵשׁ יְנַחֵשׁ אִישׁ אֲשֶׁר כָּמֹנִי׃
וַיֹּאמֶר יְהוּדָה מַה־נֹּאמַר לַאדֹנִי מַה־נְּדַבֵּר וּמַה־נִּצְטַדָּק טז
הָאֱלֹהִים מָצָא אֶת־עֲוֺן עֲבָדֶיךָ הִנֶּנּוּ עֲבָדִים לַאדֹנִי גַּם־
אֲנַחְנוּ גַּם אֲשֶׁר־נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי יז
מֵעֲשׂוֹת זֹאת הָאִישׁ אֲשֶׁר נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ הוּא יִהְיֶה־לִּי
עָבֶד וְאַתֶּם עֲלוּ לְשָׁלוֹם אֶל־אֲבִיכֶם׃ ס

שטאָט. [14] און יהודה איז געקומען מיט זיינע ברידער אין יוסםס הויז; און ער איז נאָך דאָרטן געווען. און זיי זיינען געפאַלן פאַר אים צו דער ערד.

[15] האָט יוסף צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ טואונג וואָס איר האָט געטאָן? האָט איר ניט געוווסט אַז צויבערן טוט צויבערן אַזאַ מאַן ווי איך?

[16] האָט יהודה געזאָגט: וואָס זאָלן מיר זאָגן צו מיין האַר, וואָס זאָלן מיר רעדן, און וואָס זאָלן מיר זיך פאַרענטפערן? גאָט האָט געפונען די זינד פון דיינע קנעכט. אָט זיינען מיר קנעכט צו מיין האַר, אי מיר, אי דער וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זיין האַנט.

[17] האָט ער געזאָגט: חלילה מיר דאָס צו טאָן! דער מאַן וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זיין האַנט, ער זאָל זיין אַ קנעכט צו מיר, און איר גייט אַרויף בשלום צו אייער פאָטער.

## וַיִּגַּשׁ

וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר־נָא עַבְדְּךָ דָבָר יח
בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל־יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה׃
אֲדֹנִי שָׁאַל אֶת־עֲבָדָיו לֵאמֹר הֲיֵשׁ־לָכֶם אָב אוֹ־אָח׃ יט
וַנֹּאמֶר אֶל־אֲדֹנִי יֶשׁ־לָנוּ אָב זָקֵן וְיֶלֶד זְקֻנִים קָטָן וְאָחִיו כ
מֵת וַיִּוָּתֵר הוּא לְבַדּוֹ לְאִמּוֹ וְאָבִיו אֲהֵבוֹ׃ וַתֹּאמֶר אֶל־ כא
עֲבָדֶיךָ הוֹרִדֻהוּ אֵלָי וְאָשִׂימָה עֵינִי עָלָיו׃ וַנֹּאמֶר אֶל־ כב
אֲדֹנִי לֹא־יוּכַל הַנַּעַר לַעֲזֹב אֶת־אָבִיו וְעָזַב אֶת־אָבִיו וָמֵת׃
וַתֹּאמֶר אֶל־עֲבָדֶיךָ אִם־לֹא יֵרֵד אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אִתְּכֶם לֹא כג
תֹסִפוּן לִרְאוֹת פָּנָי׃ וַיְהִי כִּי עָלִינוּ אֶל־עַבְדְּךָ אָבִי וַנַּגֶּד־ כד
לוֹ אֵת דִּבְרֵי אֲדֹנִי׃ וַיֹּאמֶר אָבִינוּ שֻׁבוּ שִׁבְרוּ־לָנוּ מְעַט־ כה
אֹכֶל׃ וַנֹּאמֶר לֹא נוּכַל לָרֶדֶת אִם־יֵשׁ אָחִינוּ הַקָּטֹן אִתָּנוּ כו
וְיָרַדְנוּ כִּי־לֹא נוּכַל לִרְאוֹת פְּנֵי הָאִישׁ וְאָחִינוּ הַקָּטֹן
אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ׃ וַיֹּאמֶר עַבְדְּךָ אָבִי אֵלֵינוּ אַתֶּם יְדַעְתֶּם כִּי כז
שְׁנַיִם יָלְדָה־לִּי אִשְׁתִּי׃ וַיֵּצֵא הָאֶחָד מֵאִתִּי וָאֹמַר אַךְ כח
טָרֹף טֹרָף וְלֹא רְאִיתִיו עַד־הֵנָּה׃ וּלְקַחְתֶּם גַּם־אֶת־זֶה כט
מֵעִם פָּנַי וְקָרָהוּ אָסוֹן וְהוֹרַדְתֶּם אֶת־שֵׂיבָתִי בְּרָעָה
שְׁאֹלָה׃ וְעַתָּה כְּבֹאִי אֶל־עַבְדְּךָ אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ ל
וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ׃ וְהָיָה כִּרְאוֹתוֹ כִּי־אֵין הַנַּעַר וָמֵת שני

יז׳ קמץ בז״ק

[18] האָט יהודה גענענט צו אים, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, זאָל אַקאָרשט דיין קנעכט רעדן אַ וואָרט אין די אויערן פון מיין האַר, און זאָל דיין צאָרן ניט גרימען אויף דיין קנעכט; וואָרום דו ביסט אַזוי ווי פּרעה. [19] מיין האַר האָט געפרעגט זיינע קנעכט, אַזוי צו זאָגן: האָט איר אַ פאָטער אָדער אַ ברודער? [20] און מיר האָבן געזאָגט צו מיין האַר: מיר האָבן אַן אַלטן פאָטער, און אַ קליינעם בזקונים, וואָס זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן פון זיין מוטער, און זיין פאָטער האָט אים ליב. [21] האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: ברענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל טאָן מיין אויג אויף אים. [22] האָבן מיר געזאָגט צו מיין האַר: דער יינגל קען ניט פאַרלאָזן זיין פאָטער, וואָרום אַז ער וועט פאַרלאָזן זיין פאָטער, וועט דער שטאַרבן. [23] האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: אויב אייער יינגסטער ברודער וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אייך, זאָלט איר מער מיין פנים ניט זען. [24] און עס איז געווען, אַז מיר זיינען אַרויפגעקומען צו דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, האָבן מיר אים דערציילט די ווערטער פון אונדזער האַר. [25] און אַז אונדזער פאָטער האָט געזאָגט: גייט ווידער, קויפט אונדז אַ ביסל שפּייז, [26] האָבן מיר געזאָגט: מיר קענען ניט אַראָפּנידערן; נאָר אויב אונדזער יינגסטער ברודער וועט זיין מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, וואָרום מיר קענען ניט זען דעם מאַנס פנים, אַוו אונדזער יינגסטער ברודער איז ניט מיט אונדז. [27] האָט דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, צו אונדז געזאָגט: איר ווייסט אַז צוויי האָט מיר מיין ווייב געבאָרן. [28] און איינער איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר, און איך האָב געזאָגט: פאַרוואָר, פאַרצוקן איז ער פאַרצוקט געוואָרן; און איך האָב אים ניט געזען ביז אַצונד. [29] און אַז איר וועט אַוועקנעמען אויך דעמדאָזיקן פון מיין פנים, און אים וועט טרעפן אַן אומגליק, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט קומער אין קבר. [30] און אַצונד אַז איך וועל קומען צו דיין קנעכט, מיין פאָטער, און דער יינגל איז מיט אונדז ניטאָ, אַזוי ווי זיין זעל איז צוגעבונדן צו זיין זעל, [31] איז, ווי ער וועט זען אַז דער יינגל איז ניטאָ, אַזוי וועט ער שטאַרבן,